בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת
גליון
פאר'ן שבת טיש

פרשת ויגש
י"א טבת שנת תשפ"א
לפ"ק
שנה 2, גליון 10
(25)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב



**שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, 'קִרְיַת בְּרֶסְלֶב' - לִיבֶּערְטִי; אִינְדֶערְפְּרִי נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל מַעֲשֶׂה ה', מִבֶּן מֶלֶךְ שֶׁהָיָה מֵאֲבָנִים טוֹבוֹת.**

בֶּעפָאר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פָארְלֶערְנֶען דִי מַעֲשֶׂה פוּן אִינֶעוֵוייְנִיג הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַקְדִּים גֶעוֶוען: אִינֶעם רֶבִּי'נְס מַעֲשִׂיּוֹת לִיגְט גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה, טִיפֶע כַּוָּנוֹת, מִיר דַארְפְן אָבֶּער זֶען וָואס מִיר קֶענֶען זִיךְ אַרוֹיסְלֶערְנֶען דֶערְפוּן צוּם פְּרַאקְטִישְׁן לֶעבְּן, לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה, אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג גֶעלֶערְנְט, זוּכְן דֶעם לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה - וָואס מִיר פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן קֶענֶען נָאכְטוּן.

אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט אַמָאל גֶעטְרַאכְט אַ פְּלַאן אַז מוֹהֲרָא"שׁ זָאל גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר אִין קַבָּלָה; הֱיוֹת מוֹהֲרָא"שׁ גֶעבְּט אַ שִׁיעוּר יֶעדְן לֵיל שִׁישִׁי פַאר 'עַמְךָ אִידְן' וָואס דֶעמָאלְט קֶען מֶען נִישְׁט רֶעדְן אָפְן פוּן גִלּוּי אֱלֹקִית, וַוייל עֶס קוּמֶען 'פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן' אוּן מוֹהֲרָא"שׁ דַארְף זִיךְ אַרָאפּ לָאזְן אוּן רֶעדְן צוּ זֵיי פוּן פָּשׁוּט'עֶ זַאכְן (אַזוֹי הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט), מִמֵּילָא אִיז אֶפְשָׁר כְּדַאי צוּ מַאכְן אֵיינְמָאל אַ וָואךְ אַ שִׁיעוּר פַאר 'דֶערְהוֹיבֶּענֶע אִינְגֶעלַייט'; מֶען וֶועט רוּפְן נָאר בְּנֵי עֲלִיָּה, 'חֲשׁוּבֵי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ', צוּם שִׁיעוּר אוּן דֶעמָאלְט וֶועט מוֹהֲרָא"שׁ קֶענֶען רֶעדְן אַבִּיסְל מֶער אָפְן קַבָּלָה וְכוּ'. לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר אַרַיין צוּ מוֹהֲרָא"שׁ בֶּעטְן עֶר זָאל גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר אִין קַבָּלָה אֵיין

<<<

## אַ וָוארט פַאר'ן שַׁבָּת טִישׁ

**יְדַבֶּר נָא עַבְדְּךָ דָבָר בְּאָזְנֵי אֲדֹנִי**
(בְּרֵאשִׁית מ"ד, י"ח)

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְּלֶעגְט אַלְץ אָנְגֶעהוֹיבְּן פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ דֶעם 'לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר', מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס וֶוערְטֶער אִין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן (סִימָן תר"י): אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט צוּ זַיין גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד רֶבִּי יוּדְל פוּן דַאשִׁיב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, זָאג מִיר עֶפֶּעס נָאךְ פוּן דַיין רֶבִּי'ן דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק רֶבִּי פִּנְחָס'ל קָארִיצֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. הָאט רֶבִּי יוּדְל נָאכְגֶעזָאגְט: מִיר זָאגְן בַּיים דַאוֶוענֶען (בְּתַחֲנוּן) 'אָשַׁמְנוּ', מִיר הָאבְּן זִיךְ פַארְשׁוּלְדִיגְט, 'בָּגַדְנוּ', מִיר הָאבְּן גֶעפֶּעלְטְשְׁט, 'גָּזַלְנוּ', מִיר הָאבְּן גֶע'גַזְלְ'ט, 'דִבַּרְנוּ דֹפִי', מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט מִיאוּס'עֶ רֵייד, 'הֶעֱוִינוּ', מִיר הָאבְּן פַארְקְרִימְט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. הָאט דֶער צַדִּיק רֶבִּי פִּנְחָס'ל גֶעפְרֶעגְט: פַארְוָואס זָאגְט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס אִין אַ לָשׁוֹן רַבִּים: "מִיר הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט", מֶען וָואלְט וֶוען עֶנְדֶערְשׁ גֶעדַארְפְט זָאגְן: "אָשַׁמְתִּי, אִיךְ הָאבּ זִיךְ פַארְשׁוּלְדִיגְט", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. נָאר - עֶנְטְפֶערְט דֶער רֶבִּי פִּנְחָס'ל - מֶען זָאגְט דָאס אִין אַ לָשׁוֹן רַבִּים, וַוייל וֶוען נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כִּבְיָכוֹל הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי כֹּחַ אוּן רְשׁוּת צוּ זִינְדִיגְן וָואלְט אִיךְ וֶוען נִישְׁט גֶעקֶענְט זִינְדִיגְן, קוּמְט דָאךְ אוֹיס אַז "אָשַׁמְנוּ" - מִיר הָאבְּן זִיךְ פַארְשׁוּלְדִיגְט.

הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט צוּ רֶבִּי יוּדְל: אִיךְ זָאג דִי זֶעלְבֶּע אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מ"ד, י"ח) 'וַיִּגַּשׁ אֵלָיו יְהוּדָה', וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר ווִיל בֶּעטְן מְחִילָה אוֹיף זַיינֶע עֲבֵירוֹת, 'וַיֹּאמֶר' זָאגְט עֶר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'בִּי אֲדֹנִי', דַיין כֹּחַ אִיז אִין מִיר, וַוייל אַז וֶוען דוּ נֶעמְסְט וֶוען אַוֶועק דַיין כֹּחַ פוּן מִיר וָואלְט אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט זִינְדִיגְן, מִמֵּילָא זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף מַיינֶע עֲבֵירוֹת. זָאגְט מֶען אָבֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: 'יְדַבֶּר נָא עַבְדְּךָ דָבָר בְּאָזְנֵי אֲדֹנִי', דָאס וָואס אִיךְ רֶעד אַזוֹי מִיט אַ טַעֲנָה, דָאס אִיז וַוייל אִיךְ וִויל אַז דוּ זָאלְסְט אָנְנֶעמֶען מַיין תְּפִלָּה, אָבֶער 'וְאַל יִחַר אַפְּךָ בְּעַבְדֶּךָ', זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אַז אִיךְ וִויל זִיךְ מִיט דֶעם פַּטֶערְ'ן אוּן נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, נָאר פַארְקֶערְט אִיךְ וֵוייס יָא אַז אִיךְ בִּין בֶּאֱמֶת שׁוּלְדִיג, נָאר זַיי מִיר מוֹחֵל.

דָאס אִיז דֶעם רֶבִּי'נְס זַאךְ: "הִתְבּוֹדְדוּת"; אַ מֶענְטְשׁ זָאל יֶעדְן טָאג זָאגְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶער אוֹיס מַיין גֶעבֶּעט, אִיךְ וִויל זַיין אַ אִיד, אִיךְ וִויל זַיין גוּט, אִיךְ וִויל זַיין וואוֹיל, וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ אַ יֵצֶר הָרָע וָואס וַוארְפְט מִיר אַרָאפּ אִין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ לוֹיף צוּרִיק צוּ מַיין שְׁלֶעכְטְס, אִיךְ וִויל דָאךְ עֶס נִישְׁט טוּן, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר, דַיין כֹּחַ לִיגְט דָאךְ אִין מִיר, אִיךְ דַארְף הָאבְּן דַיין הִילְף, הֶעלְף מִיר".

(פוּן אַ שִׁיעוּר פוּן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר אִינְגֶעלַייט, לֵיל שִׁישִׁי פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן)

מָאל אַ וָואךְ, הָאט אִים מוֹהֲרָא"שׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ גֶעב דָאךְ שׁוֹין אַ שִׁיעוּר אִין קַבָּלָה אֵיין מָאל אַ וָואךְ", דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעכַאפְּט וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אִים, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ: "וֶוען אִיז דֶער שִׁיעוּר? אִיךְ מֶעג אוֹיךְ קוּמֶען צוּם שִׁיעוּר?" זָאגְט אִים מוֹהֲרָא"שׁ: "וָואס הֵייסְט, יֶעדֶע לֵיל שִׁישִׁי גֶעב אִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין קַבָּלָה"...

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר: וָואס אִיז דֶען דִי גַאנְצֶע תַּכְלִית פוּן לֶערְנֶען קַבָּלָה? נָאר אַז דָאס זָאל צוּבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעטוּן בַּיים וועכְנְטְלִיכֶער לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר, עֶר הָאט אַרוּם גֶעדְרֵייט מִיט חָכְמָה מִיט שֵׁיינֶע תּוֹרוֹת אוּן מַעֲשִׂיּוֹת וְכַדּוֹמֶה, אָבֶּער וֶוען מֶען אִיז אַרוֹיס פוּנֶעם שִׁיעוּר הָאט מֶען זִיךְ דֶערְזֶען בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, פְּלוּצְלִינְג הָאט מֶען אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁמוּעֶסְן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ אִיז גֶעוָוארְן אַנְדֶערְשׁ, מֶען אִיז גֶעוָוארְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַזוֹי הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶענוּמֶען דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן קַבָּלָה אוֹיף לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה, צוּ לֶעבְּן דֶערְמִיט אִינֶעם פְּרַאקְטִישְׁן לֶעבְּן.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי מַעֲשֶׂה; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט:

אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ מֶלֶךְ. דֶער מֶלֶךְ הָאט קֵיין קִינְדֶער נִיט גֶיהַאט. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט זִיךְ גִיפַּארֶעט מִיט דָאקְטוֹירִים. כְּדֵי זַיין מְלוּכָה זָאל נִיט פַאר פְרֶעמְד וֶוערְן. זֵיי הָאבִּין אִים אָבֶּער נִיט גִיהָאלְפְן. הָאט עֶר גוֹזֵר גֶעוֶוען אוֹיף יוּדְן אַז זֵיי זָאלִין פַאר אִים מִתְפַּלֵּל זַיין. אַז עֶר זָאל הָאבִּין יוּדִין גִיזוּכְט אַ צַדִּיק. כְּדֵי עֶר זָאל מִתְפַּלֵּל זַיין אוּן זָאל פּוֹעֶלִין. אַז עֶר זָאל הָאבִּין קִינְדֶער. הָאבְּן זֵיי גִיזוּכְט אוּן הָאבִּין גִיפוּנֶען אַ בַּאהַאלְטִינֶעם צַדִּיק.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: דֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז דָא אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ **'זֵיי הָאבְּן גֶעזוּכְט אוּן הָאבְּן גֶעפוּנֶען אַ בַּאהַאלְטֶערְנֶער צַדִּיק'**, וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ זוּכְט אַ צַדִּיק, עֶר וִויל מְקוֹרָב וֶוערְן צוּ אַ צַדִּיק - וֶועט עֶר צוּם טְרֶעפְן דֶעם צַדִּיק, ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יוֹמָא לח:): "רָאָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שֶׁצַּדִּיקִים מוּעָטִין עָמַד וּשְׁתָלָן בְּכָל דּוֹר וָדוֹר", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אֵיינְגֶעטֵיילְט צַדִּיקִים אִין אַלֶע דוֹרוֹת. מֶען הֶערְט ווִי מֶענְטְשְׁן זָאגְן: "הַיינְט זֶענֶען דָא צַדִּיקִים? אַמָאלִיגֶע צֵייטְן זֶענֶען גֶעוֶוען צַדִּיקִים אָבֶּער הַיינְט זֶענֶען דָאךְ שׁוֹין נִישְׁט דָא קֵיין צַדִּיקִים..." אָבֶּער אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אַנְדֶערְשׁ, אִין יֶעדְן דוֹר זֶענֶען דָא צַדִּיקִים, אַז מֶען זוּכְט זֵיי אוֹיף אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן 'אִיךְ וִויל טְרֶעפְן דֶעם צַדִּיק וָואס קֶען אַרֵיין לֵייגְן אִין מִיר אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט דֶעם מַחֲשָׁבָה אַז דוּ בִּיסְט דָא מִיט מִיר' - וֶועט מֶען טְרֶעפְן דֶעם צַדִּיק.

אוּן זֵיי הָאבִּין אִים גִיזָאגְט אַז עֶר זָאל מִתְפַּלֵּל זַיין אַז דֶער מֶלֶךְ זָאל הָאבִּן קִינְדֶער. הָאט עֶר גִיעֶנְפֶערְט עֶר וֵוייסְט גָאר נִיט.

דָאס אִיז דֶער סֵדֶר בַּיי צַדִּיקִים אַז קוֹדֶם דְרֵייעֶן זֵיי זִיךְ אַרוֹיס אוּן זָאגְן אַז זֵיי קֶענֶען נִישְׁט.

הָאבִּין זֵיי דָאס מוֹדִיעַ גִיוֶוען דֶעם מֶלֶךְ (כַּאֲשֶׁר אַז סֶע אִיז דָא אַ בַּאהַאלְטִינֶער צַדִּיק נָאר עֶר זָאגְט עֶר וֵויסְט גָאר נִיט) הָאט דֶער מֶלֶךְ גִישִׁיקְט אֵיין אוּקַאז נָאךְ אִים. הָאט מֶען אִים גִיבְּרַאכְט צוּם מֶלֶךְ. הָאט דֶער מֶלֶךְ מִיט אִים אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּסִין מִיט גוּטְן. דוּ וֵוייסְט דוֹךְ. אַז דִי יְהוּדִים זֶענֶען בַּיי מִיר אִין דֶער הַאנְט. אִיךְ קָאן טָאן מִיט זֵיי וָואס אִיךְ וִויל. בְּכֵן בֶּעט אִיךְ דִיךְ מִיט גוּטִין זַיי מִתְפַּלֵּל. אִיךְ זָאל הָאבִּין קִינְדֶער. הָאט אִים דֶער צַדִּיק מַבְטִיחַ גִיוֶוען אַז עֶר זָאל הָאבִּין דָאס יָאר אַ קִינְד אוּן אִיז זִיךְ אַהֵיים גִיגַאנְגֶען. הָאט דִי מַלְכָּה גִיהַאט אֵיין טָאכְטֶער. אוּן דִי בַּת מַלְכָּה אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע פַּארְשׁוֹין. אוּן אַז זִי אִיז אַלְט גִיוֶוען פִיר יָאר. הָאט זִי גִיקֶענְט אַלֶע חָכְמוֹת אוּן אַלֶע לְשׁוֹנוֹת אוּן שְׁפִּילִין אוֹיף כֵּלִים. זֶענֶען גִיפָארִין אַלֶע מְלָכִים פוּן אַלֶע מְדִינוֹת. זִי צוּ זֶעהְן. אוּן סֶע גִיוֶוען אוֹיף דֶעם מֶלֶךְ אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה.

דֶער נָאךְ הָאט דֶער מֶלֶךְ זֵייעֶר גִיוָואלְט. עֶר זָאל הָאבִּן אֵיין זוּן כְּדֵי דִי מְלוּכָה זָאל נִיט אַוֶועק גֵייעֶן צוּ אֵיין פְרֶעמְדְן. הָאט עֶר ווִידֶער גוֹזֵר גִיוֶוען אוֹיף יוּדִין אַז זֵיי זָאלִין מִתְפַּלֵּל זַיין אַז עֶר זָאל הָאבְּן אֵיין זוּן. הָאבְּן זֵיי גִיזוּכְט דֶעם עֶרְשְׁטְן צַדִּיק. אוּן זֵיי הָאבִּין אִים שׁוֹין נִיט גִיפוּנֶען וָוארִין עֶר אִיז שׁוֹין גִישְׁטָארְבִּין. הָאבְּן זֵיי ווייטֶער גִיזוּכְט. הָאבִּין זֵיי גִיפוּנֶען. נָאךְ אַ בַּאהַאלְטִינֶעם צַדִּיק. אוּן זֵיי הָאבִּין אִים גִיזָאגְט. אַז עֶר זָאל גִיבִּין דֶעם מֶלֶךְ אַ זוּן. הָאט עֶר גִיזָאגְט. עֶר וֵויסְט גָאר נִיט. הָאבְּן זֵיי ווִידֶער מוֹדִיעַ גִיוֶוען דֶעם מֶלֶךְ.

הָאט דֶער מֶלֶךְ דֶעם צַדִּיק אוֹיךְ אַזוֹי גִיזָאגְט: דוּ וֵוייסְט דוֹךְ אַז דִי יְהוּדִים זֶענֶען בַּיי מִיר אִין דֶער הַאנְט. וְכוּ' כַּנַּ"ל. הָאט אִים דֶער חָכָם (דְהַיְינוּ דֶער צַדִּיק גִיזָאגְט. וֶועסְטוּ אָבֶּער קֶענֶען טוּן וָואס אִיךְ וֶועל דִיר הֵייסִין. הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיזָאגְט יוֹא. הָאט דֶער חָכָם

צוּ אִים גִיזָאגְט: אִיךְ בַּאדַארְף אַז דוּ זָאלְסְט בְּרֶענְגֶען אַלִירְלֵיי אֲבָנִים טוֹבוֹת (כְּלוֹמַר דוּמִיט וַוארְג) וָוארִין אִיטְלִיכֶער אֶבֶן טוֹב הָאט אִין זִיךְ אֵיין אַנְדֶערֶע סְגוּלָה. אוּן בַּיי דִי מְלָכִים אִיז פַּאר הַאנְדְן אַ סֵפֶר וָואס דָארְט אִיז פַּארְשְׁרִיבְּן אַלִירְלֵיי אֲבָנִים טוֹבוֹת. הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיזָאגְט. אִיךְ וֶועל אוּיס בְּרֶענְגֶען. מַיין הַאלְבֶּע מְלוּכָה. אַבִּי אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ זוּן אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאט אִים גִיבְּרַאכְט אַלִירְלֵיי אֲבָנִים טוֹבוֹת. הָאט דֶער חָכָם זֵיי גִינוּמֶען. אוּן הָאט זֵיי צוּ קְלַאפְּט. אוּן הָאט גִינוּמֶען אַ בֶּעכֶער וַויין. אוּן הָאט זֵיי אַרַיין גִישִׁיט אִין דֶעם וַויין. אוּן עֶר הָאט גִיגֶעבִּין אַ הַאלְבְּן בֶּעכֶער וַויין דֶעם מֶלֶךְ טְרִינְקֶען. אוּן דִי אַנְדֶערֶע הֶעלְפְּט. דֶער מַלְכָּה. אוּן הָאט צוּ זֵיי גִיזָאגְט. אַז זֵיי וֶועלִין הָאבִּין אַ זוּן. וָואס עֶר וֶועט זַיין דוּרְךְ פוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת אוּן עֶר וֶועט אִין זִיךְ הָאבִּין אַלֶע סְגוּלוֹת פוּן אַלֶע אֲבָנִים טוֹבוֹת. אוּן אִיז אַהֵיים גִיגַאנְגֶען.

הָאט דִי מַלְכָּה גִיהַאט אַ זוּן. אִיז גִיוָוארִין אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוֹיף דֶעם מֶלֶךְ. נָאר דֶער זוּן אִיז נִיט גִיוֶוען פוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת. אַז דֶער זוּן אִיז אַלְט גִיוֶוען פִיר יָאר. אִיז עֶר גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶער פַּארְשׁוֹין אוּן אַ גְרוֹיסֶער חָכָם אִין אַלֶע חָכְמוֹת. אוּן הָאט גִיקֶענְט אַלֶע לְשׁוֹנוֹת. זֶענֶען גִיפָּארִין מְלָכִים אִים זֶעהְן.

אוּן דִי בַּת מַלְכָּה הָאט גִיזֶעהְן אַז זִי אִיז שׁוֹין נִיט אַזוֹי חָשׁוּב. הָאט זִי זִיךְ אִין אִים מְקַנָא גִיוֶוען. נָאר דָאס אִיז אִיר נֶחָמָה גִיוֶוען בַּאֲשֶׁר דֶער צַדִיק הָאט גִיזָאגְט. אַז דֶער זוּן וֶועט זַיין גָאר פוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת. גוּט אִיז כָאטְשֶׁע וָואס עֶר אִיז נִיט פוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת.

אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַסְבִּיר: דָאס זֶענֶען מוֹרָא'דִיגֶע וֶוערְטֶער; דֶער רֶבִּי אִיז אוּנְז דָא מְגַלֶה אַז אוֹיב מֶען וִויל הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער, מֶען וִויל הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, מֶען וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער וָואס זֶענֶען 'אֲבָנִים טוֹבִים', טֵייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער אוּן דֵיימַאנְטְן, וָואס עֶנְטְהַאלְט אִין זִיךְ אַלֶע עֶרְלֵיי סְגוּלוֹת, דַאן דַארְף מֶען גוּט גֶעדֶענְקְן וָואס דֶער צַדִיק הָאט גֶעהֵייסְן דֶעם קֶענִיג, עֶר זָאל זִיךְ צֶעטֵיילְן מִיט דִי מַלְכָּה פוּן דִי בֶּעכֶער וַויין פוּן אַלֶע עֶרְלֵיי אֲבָנִים טוֹבוֹת, דֶער קֶענִיג זָאל טְרִינְקְן דִי הַאלְבֶּע בֶּעכֶער אוּן דִי מַלְכָּה דִי אַנְדֶערֶע הֶעלְפְט, דָאס הָאט עֶר גֶעמֵיינְט זֵיי צוּ לֶערְנֶען אַז דֶער מַאן אִיז הַאלְבּ אוּן דִי וַוייבּ אִיז הַאלְבּ; דֶער מַאן זָאל וִויסְן אַז אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אִין שְׁטוּבּ זֶענֶען הַאלְבּ פוּן מִיר אוּן דִי אַנְדֶערֶע הֶעלְפְט פוּן מַיין וַוייבּ, אוּן דִי זֶעלְבֶּע דַארְף דִי פְרוֹי וִויסְן, אַז אַלֶעס אִיז הַאלְבּ פוּן אִיר אוּן דִי אַנְדֶערֶע הֶעלְפְּט פוּן אִיר מַאן, מַאן אוּן וַוייבּ לֶעבְּן צוּזַאמֶען, אִיךְ בִּין הַאלְבּ אוּן זִי אִיז הַאלְבּ, קֵיינֶער גְרוֹיסְט זִיךְ נִישְׁט אִיבֶּער דֶעם צְוֵוייטְן, דַאן קֶענֶען אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן דֶעם שְׁטוּבּ גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, קְלוּגֶע קִינְדֶער, קִינְדֶער וָואס הָאבְּן אִין זִיךְ אַלֶע עֶרְלֵיי סְגוּלוֹת פוּן דִי וֶועלְט, קִינְדֶער וָואס זֶענֶען אֵיין שְׁטִיק גוּטְס.

דָאס דַארְפְן עֶלְטֶערְן שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקְן: זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט קְרִיגְן אֵיינֶער מִיטְ'ן אַנְדֶערְן אוּן לֶעבְּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט צוּזַאמֶען.

עֶס זֶענֶען דָא עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן אַ שׁוּלְד גֶעפִיל אִין זִיךְ, 'אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין גוּטֶער טַאטֶע...', 'אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין גוּטֶע מַאמֶע...', אוּן מֶען טְרַאכְט: 'אֶפְשָׁר אַז אִיךְ וֶועל קוֹיפְן מַתָּנוֹת פַאר מַיינֶע קִינְדֶער וֶועל אִיךְ וֶוערְן גוּט צוּ זֵיי...' - זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: דוּרְךְ מַתָּנוֹת וֶוערְט מֶען נִישְׁט קַיין גוּטֶע טַאטֶע, דוּרְךְ מַתָּנוֹת וֶוערְט מֶען נִישְׁט קַיין גוּטֶע מַאמֶע, מַתָּנוֹת וֶועט גָארְנִישְׁט אוֹיסְמַאכְן אוּן פַארְבֶּעסֶערְן; אוֹיבּ פִילְסְטוּ אַז דוּ ווִילְסְט גֶעבְּן אַ מַתָּנָה פַאר דַיין קִינְד, אִיז דָא אֵיין מַתָּנָה וָואס דוּ קֶענְסְט אִים גֶעבְּן, אַז דַיין שְׁטוּבּ זָאל זַיין אַזַא שְׁטוּבּ וָואס דֶער טַאטֶע וֵוייסְט אַז עֶר אִיז נָאר הַאלְבּ אוּן דִי מַאמֶע וֵוייסְט אַז זִי אִיז נָאר הַאלְבּ, דֶער טַאטֶע אִיז מְכַבֵּד דִי מַאמֶע אוּן דִי מַאמֶע אִיז מְכַבֵּד דֶער טַאטֶע - דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע מַתָּנָה וָואס דוּ קֶענְסְט גֶעבְּן פַאר דַיין קִינְד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי זְכִיָה אַז אִיךְ זִיץ שׁוֹין זֶעכְצְן יָאר מִיט בָּחוּרִים, כֵּן יִרְבּוּ, הָאבּ אִיךְ צוּגֶעזֶען דִי אַלֶע יָארְן אַז רוֹב רוּבָּם פוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען מִיט בָּחוּרִים זֶענֶען בַּיי אַזֶעלְכֶע בָּחוּרִים וָואס קוּמֶען פוּן שְׁטוּבֶּער וָואס דִי עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים, וואוּ עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן טַאטֶע אוּן מַאמֶע, אַוַדַאי אִיז אַלֶעמָאל דָא אַ יוֹצֵא מִן הַכְּלָל, אִין גֶעווִיסֶע פֶּעלֶער אִיז אַנְדֶערְשׁ, אַז עֶס מַאכְט זִיךְ לֵיידֶער אוֹיךְ בַּיי קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן גֶעזוּנְטֶע שְׁטוּבֶּער אַז זֵיי גֵייעֶן אַוֶועק פוּנֶעם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אָבֶּער דָאס אִיז זֵייעֶר אַ קְלֵיינֶע פְּרָאצֶענְט, עַל פִּי רוֹב זֶענֶען אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען נָאר בַּיי קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע שְׁטוּבֶּער.

אַזוֹי אוֹיךְ פַארְקֶערְט, אַ קִינְד וָואס קוּמְט פוּן אַ גֶעזוּנְטֶע שְׁטוּבּ וואוּ עֶס פַארְטְרָאגְן זִיךְ טַאטֶע אוּן מַאמֶע, עֶס אִיז דָא לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן טַאטֶע אוּן מַאמֶע, דַארְף מֶען נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן אַז דֶער קִינְד וֶועט פַארְקְרִיכְן פוּנֶעם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה, אַזַא קִינְד זוּכְט נִישְׁט צוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן שְׁטוּבּ, אַזַא קִינְד וֶועט נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל

זוכן פְרֶעמְדֶע גְלִיקְן.

דָאס לֶערְנְט אוּנְז דֶער רֶבִּי וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, אַז מֶען לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם מִיט דִי וַוייבּ, מֶען צֶעטֵיילְט זִיךְ אַלֶעס אִין הֶעלְפְט, דַאן אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער; אוּן אוֹיךְ דֶעם דַארְפְן מִיר הָאבְּן דֶעם רֶבִּי'ן, דֶעם צַדִּיק - דֶער חָכָם, וָואס גֶעבְּט אוּנְז אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער. דָאס אִיז מְדַיּוּק אִינֶעם לָשׁוֹן פוּן רֶבִּי'ן, אַז דֶעם עֶרְשְׁטְן צַדִּיק רוּפְט דֶער רֶבִּי אָן '**צַדִּיק**' אוּן דֶעם צְווייטְן צַדִּיק רוּפְט דֶער רֶבִּי אָן '**חָכָם**'; וַוייל דֶער עֶרְשְׁטֶער צַדִּיק הָאט סְתַּם אָנְגֶעוואוּנְטְשְׁן דֶעם קֶענִיג עֶר זָאל הָאבְּן קִינְדֶער, קוּמְט אִים נָאכְנִישְׁט דֶעם טִיטְל 'חָכָם', אָבֶּער דֶער צְווייטֶער צַדִּיק וָואס הָאט צוּגֶעלֵייגְט פַאר'ן קֶענִיג אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ בּוֹיעֶן זַיין שְׁטוּב, עֶר הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער - דֶער אִיז שׁוֹין אַ 'חָכָם', עֶר קֶען הֶעלְפְן דֶעם קֶענִיג מִיט זַיינֶע עֵצוֹת עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען הִיטְן נִישְׁט אַרַיין צוּ פַאלְן אִין קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען.

[דֶער הֵיילִיגֶער סאטְמַאר'ער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט, מֶען זָאגְט אִין הַגָּדָה שֶׁל פֶּסַח: "כְּנֶגֶד אַרְבָּעָה בָנִים דִּבְּרָה תּוֹרָה, אֶחָד חָכָם, וְאֶחָד רָשָׁע, וְאֶחָד תָּם, וְאֶחָד שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ לִשְׁאוֹל", פַארְוָואס זָאגְט מֶען 'אֶחָד חָכָם וְאֶחָד רָשָׁע' עֶס וָואלְט וֶוען עֶנְדֶערְשׁ גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין 'אֶחָד צַדִּיק וְאֶחָד רָשָׁע'? נָאר אֵיינֶער וָואס אִיז בְּלוֹיז אַ 'צַדִּיק' אוּן נִישְׁט קַיין 'חָכָם' אִים קֶען מֶען נִישְׁט לֵייגְן נֶעבְּן דֶעם 'רָשָׁע' וַוייל עֶר קֶען חָלִילָה נִשְׁפָּע וֶוערְן פוּנֶעם רָשָׁע, דַוְקָא אַ 'צַדִּיק' וָואס אִיז אַ 'חָכָם' - אִים קֶען מֶען לֵייגְן נֶעבְּן דֶעם רָשָׁע וַוייל עֶר וֶועט זִיךְ שׁוֹין אַן עֵצָה גֶעבְּן עֶר זָאל נִישְׁט נִשְׁפָּע וֶוערְן פוּנֶעם רָשָׁע].

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען: בַּיים רֶבִּי'ן אִיז 'שְׁלוֹם בַּיִת' גֶעוֶוען אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת, אוּן דָאס הָאבְּן מִיר צוּגֶעזֶען בַּיי מוֹהֲרַא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א דֶערְצֵיילְט: אֵיין וָואךְ בַּיים 'לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר' וָואס אִיז גֶעוֶוען בֶּעפָאר חֲנוּכָּה הָאט מוֹהֲרַא"שׁ גֶעגֶעבְּן אַ גַאנְצֶע שִׁיעוּר פוּן 'שְׁלוֹם בַּיִת', בַּיים סוֹף פוּנֶעם שִׁיעוּר הָאט זִיךְ מוֹהֲרַא"שׁ אָנְגֶערוּפְן: "דָאס הָאט מֶען גֶערֶעדְט? שְׁלוֹם בַּיִת? מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן פוּנְדֶערְוַוייטְנְס כְּדֵי צוּ הֶערְן אַ שִׁיעוּר וֶועגְן 'חֲנוּכָּה' טְרַאכְטְנְדִיג: 'זִיכֶער וֶועט מֶען רֶעדְן פוּן דִי 'אוֹרוֹת חֲנוּכָּה', פוּן טִיפֶע עִנְיָנִים ...' אוּן מֶען הָאט בְּלוֹיז אַרוּם גֶערֶעדְט פוּן שְׁלוֹם בַּיִת...?" אוּן מוֹהֲרַא"שׁ הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: קוּקְט אָבֶּער אַרַיין אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן תרעח סָעִיף א') וֶועט אִיר זֶען אַז 'שְׁלוֹם בַּיִת' אִיז אוֹיךְ פוּן דִי הֲלָכוֹת וָואס הָאט צוּטוּן מִיט 'חֲנוּכָּה', דֶער מְחַבֵּר פַּסְקְ'עֶט: "מִי שֶׁאֵין יָדוֹ מַשֶּׂגֶת לִקְנוֹת נֵר חֲנֻכָּה וְנֵר שַׁבָּת, יִקְנֶה נֵר שַׁבָּת מִפְּנֵי שְׁלוֹם בֵּיתוֹ", אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶענוּג גֶעלְט צוּ קוֹיפְן לִיכְט סֵיי פַאר חֲנוּכָּה אוּן סֵיי פַאר שַׁבָּת זָאל עֶר עֶנְדֶערְשׁ קוֹיפְן לִיכְט פַאר שַׁבָּת כְּדֵי עֶס זָאל זַיין שְׁלוֹם בַּיִת, זֶעט מֶען דֶערְפוּן וִוי דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ רֶעדְט אוֹיךְ פוּן שָׁלוֹם בַּיִת אִין הִלְכוֹת חֲנוּכָּה..."

זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וַוייטֶער: עֶס קוּמֶען שׁוֹין דִי לִיכְטִיגֶע טֶעג פוּן חֲנוּכָּה דַארְף מֶען וַויסְן אַז דִי שֶׁענְסְטֶע חֲנוּכָּה מַתָּנָה וָואס עֶלְטֶערְן קֶענֶען גֶעבְּן פַאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אִיז דָאס אַז זֵיי נֶעמֶען זִיךְ פַאר צוּ רֶעדְן שֵׁיין אֵיינֶער מִיטְ'ן צְווייטְן.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס גֶעשֶׁעט מִיט אַ קִינְדְ'ס מֹחַ וֶוען עֶר זֶעט צוּ זַיינֶע עֶלְטֶערְן קוּמֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיס אֵיינֶער מִיטְ'ן אַנְדֶערְן, דֶער קִינְד וֶוערְט אִינְגַאנְצְן דֶערְשְׁרָאקְן אוּן צֶעמִישְׁט, עֶר וַוייסְט נִישְׁט וֶוער אִיז גֶערֶעכְט, דֶער טַאטֶע אָדֶער דִי מַאמֶע; אַ מֵיידְל הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט, בַּיי אִיר אִינְדֶערְהֵיים אִיז זִי שְׁטֶענְדִיג צוּגֶעוואוֹינְט צוּ הֶערְן וִכּוּחִים, טַאטֶע אוּן מַאמֶע קְרִיגְן זִיךְ, דֶערְצֵיילְט זִי אַז זִי פְלֶעגְט שְׁטֵיין גַאנְצֶעטֶע נֶעכְט אִינְדְרוֹיסְן פוּן אִירֶע עֶלְטֶערְן'ס שְׁטוּב אַלְס מוֹרָא אֶפְשָׁר וֶועט אֵיינֶע פוּן דִי עֶלְטֶערְן אַנְטְלוֹיפְן... יֶעדֶע לֶעדְל וָואס הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט הָאט אִיר גֶעמַאכְט מֶער שְׁרֶעק: 'אֶפְשָׁר פַאקְט מֶען זִיךְ שׁוֹין, אֶפְשָׁר גֵייט אֵיינֶער אַנְטְלוֹיפְן, מִיט וֶועמֶען וֶועל אִיךְ אִיבֶּער בְּלַייבְּן?...', אַזוֹי אִיז זִי אוֹיפְגֶעוואקְסְן אַלֶע יָארְן מִיט שְׁרֶעק.

דֶערְפַאר, דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ וָואס עֶלְטֶערְן קֶענֶען גֶעבְּן פַאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אִיז, זֵיי זָאלְן זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען אֵיינֶער מִטְ'ן צְווייטְן; קִינְדֶער דַארְפְן נִישְׁט קַיין הָאוֶוערְבָּארְד, נִישְׁט קַיין רִימָאוּט קַאר; אַוַודַאי מֶעג מֶען אַמָאל גֶעבְּן אַ מַתָּנָה פַאר אַ קִינְד, אָבֶּער דָאס וֶועט נִישְׁט אוֹיסְמַאכְן אַז עֶלְטֶערְן זָאלְן וֶוערְן בֶּעסֶער אִין זֵייעֶרֶע אוֹיגְן.

עֶס זֶענֶען דָא עֶלְטֶערְן וָואס זָאגְן: "מַיין טַאטֶע הָאט מִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעגֶעבְּן טַאשְׁן גֶעלְט, אִיךְ וֶועל זַיין אַ גוּטֶער טַאטֶע אוּן שְׁטֶענְדִיג גֶעבְּן פַאר מַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן הָאבְּן טַאשְׁן גֶעלְט", אָדֶער: "מַיין טַאטֶע הָאט מִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין נַאשׁ, אִיךְ וֶועל יָא זַיין גוּט צוּ מַיינֶע קִינְדֶער אִיךְ וֶועל יָא גֶעבְּן נַאשׁ", דָאס אִיז אָבֶּער נִישְׁט רִיכְטִיג, וַוייל אַ קִינְד קֶען אוֹיפְוואקְסְן אֲפִילוּ אָן טַאשְׁן גֶעלְט, אַ קִינְד קֶען אוֹיפְוואקְסְן אֲפִילוּ אָן נַאשׁ, אָבֶּער אֵיין זַאךְ מוּז דָאס קִינְד זִיכֶער הָאבְּן 'אַ גֶעזוּנְטֶע שְׁטוּב וואוּ טַאטֶע מַאמֶע זֶענֶען הָאלְבּ אוֹיף

הַאלְבּ' - דָאס אִיז לֶעבְּנְס-וִויכְטִיג פַאר'ן קִינְד.

דָאס דַארְף מֶען זִיךְ פָארְנֶעמֶען אֲפִילוּ וֶוען דִי וַוייבּ אִיז אִיבֶּער גֶעשְׁטְרֶענְגְט, זִי שְׁרַייט וְכוּ', דָאס נִישְׁט נֶעמֶען צוּם הַארְצְן, עֶס וֶועט אַרִיבֶּער גֵיין, זִי וֶועט זִיךְ בַּאלְד בַּארוּאִיגְן.

אַמָאל הָאט דֶער בֶּן מֶלֶךְ גִישְׁנִיצְט הָאלְץ אוּן הָאט זִיךְ אַ שְׁנִיט גִיטָאן אִין פִינְגֶער. אִיז דִי בַּת מַלְכָּה צוּ גִילָאפִין. אִים אַרוּם בִּינְדְן דֶעם פִינְגֶער. הָאט זִי דָארְט דֶערְזֶען אֵיין אֶבֶן טוֹב. הָאט זִי זִיךְ אִין אִים זֵייעֶר מְקַנֵא גִיוֶוען. הָאט זִי זִיךְ גִימַאכְט קְרַאנְק. זֶענֶען גִיקוּמֶען כַּמָה דָאקְטוֹירִים. זֵיי הָאבִּין אָבֶער נִיט גִיקֶענְט אִיר קֵיין רְפוּאָה טָאן. הָאט מֶען גִירוּפִין מְכַשְׁפִים. אִיז דָארְט גִיוֶוען אֵיין מְכַשֵׁף הָאט זִי אִים אוֹיסְגִיזָאגְט דֶעם אֱמֶת. אַז זִי הָאט זִיךְ אַלֵיין גִימַאכְט קְרַאנְק מַחְמַת דֶעם בְּרוּדֶער כַּנַ"ל אוּן זִי הָאט דֶעם מְכַשֵׁף גִיפְרֶעגְט אוֹיבּ סֶע אִיז מֶעגְלִיךְ. אַז מִזָאל טָאן אַ מֶענְשׁ כִּישׁוּף אַז עֶר זָאל וֶוערִין קְרֶעצִיג. הָאט עֶר גִיזָאגְט יָוא. הָאט זִי צוּם מְכַשֵׁף גִיזָאגְט. טָאמֶער וֶועט עֶר זִיךְ זוּכִין אֵיין אַנְדֶערְן מְכַשֵׁף וָואס עֶר וֶועט מְבַטֵל זַיין דֶעם כִּישׁוּף אוּן עֶר וֶועט גִיהֵיילְט וֶוערִין. הָאט דֶער מְכַשֵׁף גִיזָאגְט. אַז מִוֶועט אַרַיין וַוארְפִין דֶעם כִּישׁוּף אִין וַואסֶער אַרַיין וֶועט מֶען שׁוֹין נִיט קֶענֶען אִים מְבַטֵל זַיין. הָאט זִי אַזוֹי גִיטָאן. אוּן הָאט אַרַיין גִיוָוארְפִין דֶעם כִּישׁוּף אִין וַואסֶער אַרַיין. אִיז דֶער בֶּן מֶלֶךְ זֵייעֶר קְרֶעצִיג גִיוָוארִין. עֶר הָאט גִיהַאט אוֹיף דֶער נָאז קְרֶעץ אוּן אוֹיף דֶעם פָּנִים אוּן אוֹיף דֶעם אִיבְּרִיקְן גוּף. הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ גִיפָּארִיט מִיט דָאקְטוֹרִים. אוּן מִיט מְכַשְׁפִים. אוּן זֵיי הָאבִּין אִים נִיט גִיהָאלְפְן.

וָואס אִיז דֶער שֶׁנִיט וָואס דֶער בֶּן מֶלֶךְ הָאט גֶעכַאפְּט אוּן וָואס אִיז דִי אֶבֶן טוֹבָה וָואס זִי הָאט דָארְט דֶערְזֶען? - הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א דָאס מַסְבִּיר גֶעוֶוען: מֶענְטְשְׁן וואוּנְדֶערְן זִיךְ אוֹיף אַלֶע וָואס וֶוערְן מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן: 'וָואס הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן אִין בְּרֶסְלֶב?' וָואס בַּאקוּמְט עֶר אִין בְּרֶסְלֶב?' - זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: בֶּאֱמֶת קֶען מֶען טַאקֶע גָארְנִישְׁט דֶערְקֶענֶען פוּן אִינְדְרוֹיסְן וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט פַאר אַ מֶענְטְשׁ, אִינְדְרוֹיסְן קוּקְט אוֹיס דֶער מְקוֹרָב צוּם צַדִיק דִי זֶעלְבֶּע וִוי בֶּעפָאר, אָבֶער אִינֶעוֵוייניג אִיז עֶר אִינְגַאנְצְן אַן אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן רל): "אֲנִי יָכוֹל לַעֲשׂוֹת אִישׁ כָּשֵׁר שֶׁקוֹרִין גִיטֶר יוּד כָּמוֹנִי מַמָּשׁ", אִיךְ קֶען אַייךְ מַאכְן פַאר גְרוֹיסֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן אַזוֹי גְרוֹיס וִוי אִיךְ בִּין.

אוּן דָאס הָאט דֶער צַדִיק גֶעזָאגְט פַאר'ן קֶענִיג אַז זֵיי וֶועלְן הָאבְּן אַ זוּן וָואס וֶועט זַיין פוּן טֵייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער, עֶר וֶועט הָאבְּן אִין זִיךְ אַלֶע סְגוּלוֹת פוּן אַלֶע טֵייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער, אוּן דֶערְוַוייל הָאט מֶען גָארְנִישְׁט דֶערְקֶענְט אוֹיפְ'ן זוּן אַז עֶר זָאל זַיין פוּן טֵייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער, עֶר הָאט אוֹיסְגֶעקוּקְט וִוי אַ פָּשׁוּטֶ'ער קִינְד אַזוֹי וִוי יֶעדְן, אָבֶער וִוי נָאר עֶר הָאט גֶעכַאפְּט דֶעם שְׁנִיט הָאט מֶען שׁוֹין אַלֶעס גֶעזֶען, מֶען הָאט גֶעזֶען וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן אִים, עֶר בְּלַייבְּט בַּיי זִיךְ, עֶר שְׁרַייט נִישְׁט, עֶר פַארְפִירְט נִישְׁט, עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאגְט 'גַם זוּ לְטוֹבָה', אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - אָה יֶעצְט זֶעט מֶען דִי טֵייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער וָואס זֶענֶען אִין אִים.

אוּן אַזוֹי אִיז עֶס מִיט יֶעדְן תַּלְמִיד וָואס וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פוּן אִינְדְרוֹיסְן דֶערְקֶענְט מֶען גָארְנִישְׁט אִין אִים עֶפֶּעס סְפֶּעצִיעֶל, אַלֶע וואוּנְדֶערְן זִיךְ: 'וָואס זוּכְט עֶר אִין בְּרֶסְלֶב?' 'וָואס בַּאקוּמְט עֶר דֶעם דָארְטְן?' - אָבֶער וִוי נָאר עֶס הֵייבְּט אָן אִיבֶּערְגֵיין אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ אִיבֶּערְגֵייעֶכְץ לֹא עָלֵינוּ, עֶר גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועריקֵייטְן, יֶעצְט זֶעט מֶען שׁוֹין זֵייעֶר גוּט וָואס הָאט עֶר בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן; אַ גֶעוֶוענְלִיכֶער מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועריקֵייטְן לֹא עָלֵינוּ וֶוערְט דֶערְבִּיטֶערְט אוּן צֶעבְּרָאכְן, עֶר הֵייבְּט אָן שֶׁעלְטְן קְלָלוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן וְכוּ' וְכוּ', אָבֶער דֶער וָואס אִיז מְקוֹרָב צוּ אַ צַדִיק, עֶר אִיז מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן, עֶר שְׁרַייט נִישְׁט, עֶר פַארְפִירְט נִישְׁט, עֶר קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן אִיבֶּער זַיינֶע אִיבֶּערְגֵייעֶכְצֶער, וַוייל עֶר לֶעבְּט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז אַרַיין אִין אַ לֶענְגֶערֶע שְׁמוּעֶס אִין דֶעם עִנְיָן אוּן גֶעזָאגְט: מֶענְטְשְׁן וואוּנְדֶערְן זִיךְ וָואס אִיז דֶער בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידוּת? וואוּ קֶען מֶען דֶערְקֶענֶען דֶעם בְּרֶסְלֶב'עֶר? אַלֶע חֲסִידוּתְ'עֶר אוֹיף דִי וֶועלְט קֶען מֶען דֶערְקֶענֶען אוֹיף דִי חֲסִידִים וואוּ זֵיי גֶעהֶערְן, אַלֶע חֲסִידִים פִירְן זִיךְ מִיט דִי זֶעלְבֶּע מִנְהָגִים, אַלֶע חֲסִידִים גֵייעֶן דִי זֶעלְבֶּע אָנְגֶעטוּן וְכוּ', אָבֶער וואוּ קֶען מֶען דֶערְקֶענֶען אוֹיף דֶעם בְּרֶסְלֶב'עֶר זַיין חֲסִידוּת? דֶערְפַאר מַאכְן מֶענְטְשְׁן אַ טָעוּת, וֶוען זֵיי זֶעעֶן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר וָואס פִירְט זִיךְ אוֹיף עֶפֶּעס מָאדְנֶע, וָואס פִירְט זִיךְ אוֹיף אִינְטֶערֶעסַאנְט - צֵייגְט מֶען גְלַייךְ מִיטְ'ן פִינְגֶער: 'אָה דָאס זֶענֶען דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ מִנְהָגִים...' אָבֶער דֶער אֱמֶת אִיז אַז אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד קֶען מֶען נִישְׁט דֶערְקֶענֶען פוּן אִינְדְרוֹיסְן, בְּרֶסְלֶב הָאט נִישְׁט אַ גֶעוִויסֶע לְבוּשׁ אַז מֶען זָאל קֶענֶען דֶערְקֶענֶען וֶוער עֶס הָאט שַׁיְיכוּת מִיטְ'ן רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי וִויל פוּן

אוּנְז אַז מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין יֶעדְן טָאג, זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אוּנְז, הִתְבּוֹדְדוּת אִיז אַ זַאךְ וָואס אִיז פְּרִיוַואט, עֶס אִיז צְוִוישְׁן דֶעם מֶענְטְשׁ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפַּאצִירְט אִין גַאס, עֶר גֵייט עֶפֶּעס אַרְלֶעדִיגְן וְכוּ' גֵייעֶנְדִיג רֶעדְט עֶר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס קֶען מֶען נִישְׁט דֶערְקֶענֶען פוּן אִינְדְרוֹיסְן, צְוֵויי מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אִין גַאס אֵיינֶער נֶעבְּן דֶעם אַנְדֶערְן, בֵּיידֶע קוּקְן אוֹיס דִי זֶעלְבֶּע, אָבֶּער דֶער וָואס אִיז מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן שָׁאקְלְט מִיט דִי לִיפְּן, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אַהֵיים קוּמֶען בְּשָׁלוֹם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן שֶׁפַע".

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט וַוייטֶער גֶעזָאגְט: אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה פוּנֶעם גִלְיוֹן 'קִרְיַת בְּרֶסְלֶב בְּלֶעטְל', עֶס אִיז מוֹרָא'דִיג שֵׁיין צוּ זֶען וִוי אִינְגֶעלַייט לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי לֶעבְּן מִיט תְּפִלָּה, אַ אִינְגֶערְמַאן דֶערְצֵיילְט דָארְט וִוי עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט אַיינְצוּקוֹיפְן אוֹיף שַׁבָּת, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אִין אַ זַייט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער פַארְשֶׁעם מִיךְ נִישְׁט, אִיךְ דַארְף עֶסְן פַאר מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער", נָאכְ'ן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אַ חַבֶר אוּן גֶעפְרֶעגְט צִי עֶר קֶען אִים הֶעלְפְן בַּאצָאלְן זַיין שַׁבָּת אָרְדֶער אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט דֶעם סְכוּם וִויפִיל עֶר נוֹיטִיגְט זִיךְ, הָאט דֶער חַבֶר אַרוֹיס גֶענוּמֶען פִיר מָאל דֶעם סְכוּם פוּן טַאשׁ אוּן אִים גֶעגֶעבְן - זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: דִי 'מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה' אִיז אַז וֶוען עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אוֹיסְפִיר פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן - דָאס אִיז שׁוֹין נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט, נִישְׁט דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן דִי מַעֲשֶׂה.

וואוּ נָאךְ אִין דִי וֶועלְט הֶערְט מֶען דָאס אַז אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט גֵייט עֶר אִין אַ זַייט אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?; וָואס טוּעֶן מֶענְטְשְׁן וֶוען זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין גֶעלְט? מֶען בָּארְגְט, מֶען קוֹיפְט אַיין מִיט קְרֶעדִיט קַארְד, אָדֶער שְׁרֵייט מֶען אוֹיף דִי וַוייבּ: "דוּ עֶסְט מִיר אוֹיף מַיין גֶעלְט...!" אָבֶּער דָא זֶעט מֶען אַ נֵייעֶ זַאךְ בַּיי תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ מֶען גֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען בֶּעט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער פַארְשֶׁעם מִיךְ נִישְׁט, אִיךְ דַארְף עֶסְן פַאר מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער".

עֶס זֶענֶען דָא נַארִישֶׁע אִינְגֶעלַייט וָואס וֶוען דִי וַוייבּ בֶּעט אַבִּיסְל גֶעלְט שְׁרֵייעֶן זֵיי: "דוּ עֶסְט מִיר אוֹיף מַיין גַאנְצֶע גֶעלְט...!" - אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוֵוייטָאגְט דֶערוֹיף אוּן גֶעפְרֶעגְט: וָואס וֶועט גֶעשֶׁען אַז דוּ וֶועסְט גֶעבְּן אַפָּאר דָאלֶער פַאר דַיין וַוייבּ? דַיין וַוייבּ פַאלְט דָאךְ פוּן אִירֶע כֹּחוֹת, זִי אִיז אוֹיף בַּיינַאכְט מִיטְ'ן קְלֵיין קִינְד, זִי קָאכְט, זִי בַּאקְט, זִי וַואשְׁט וֶועשׁ וְכוּ' וְכוּ', אוּן וָואס בֶּעט זִי דֶען פוּן דִיר, סַךְ הַכֹּל דַארְף זִי פָּשׁוּט אַ רוֹימֶערְקֶע וָואס זָאל אִיר הֶעלְפְן אוֹיפְרוֹימֶען דִי הוֹיז! אוֹיף וָואס דֶען אִיז גֶעמַאכְט גֶעלְט אוֹיבּ נִישְׁט פַאר דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער?! וָואס הָאסְטוּ מוֹרָא צוּ עֶפֶענֶען דֶעם 'פַארְמַאכְטְן הוּנְדֶערְטֶער'? "אִיךְ לֵייג עֶס אַוֶועק אוֹיף בַּאלְד..." פַארְוָואס אִיז דֶער בַּאלְד וִויכְטִיגֶער פוּן יֶעצְט?!; עֶס אִיז אַ שְׁרֶעק צוּ הֶערְן וִוי אִינְגֶעלַייט פִירְן זִיךְ אוֹיף אַזוֹי' גֶעמֵיין אִין שְׁטוּבּ וֶועגְן אַפָּאר דָאלֶער, אַ פְרוֹי' הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט צוּ מִיר אַז זִי דַארְף עֶפֶּעס צוּ שְׁמִירְן אוֹיף אִירֶע לִיפְּן וַוייל דִי הוֹיט אִיז אִיר פַארְטְרִיקֶענְט אוּן זִי הָאט נִישְׁט דֶעם הַאלְבְּן דָאלֶער עֶס צוּ קוֹיפְן, דֶער מַאן פַארְלַאנְגְט אַ דִין וְחֶשְׁבּוֹן אוֹיף יֶעדֶע דָאלֶער וָואס זִי נִיצְט...

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַמָאל אָנְגֶעטְרָאגְן אַ שִׁידוּךְ פַאר מֵיידְל אַ בָּחוּר פוּן אוּנְזֶער יְשִׁיבָה, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעפַאלְן דֶעם בָּחוּרְ'ס אוֹיסְקוּק פַאר דִי מֵיידְל, הָאט זִי גֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ אַז עֶס גֶעפֶעלְט אִיר נִישְׁט זַיין אוֹיסְקוּק, הָאט אִיר מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט: נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם, זֶע נָאר אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אַרַיין פַאלְן מִיט אַ בָּחוּר וָואס וֶועט דִיר נִישְׁט פַארְגִינֶען אַ בָּאטְל סָאדֶע, זִי אִיז אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אוּן גֶעזָאגְט פַאר אִיר בְּרוּדֶער: "עֶה, מוֹהֲרָא"שׁ מֵיינְט דֶערְמִיט נָאר צוּ אַרוֹיסְרִיקְן שִׁידוּכִים פַאר זַיין יְשִׁיבָה, עֶס אִיז דָא גֶענוּג אוּן נָאךְ וואוילֶע בָּחוּרִים אִין אַנְדֶערֶע יְשִׁיבוֹת..." צוּם סוֹף הָאט זִי גֶענוּמֶען 'דֶער מְצוּיָן' פוּן עֶפֶּעס אַ יְשִׁיבָה, נָאךְ דִי חֲתוּנָה אִיז זִי גֶעלָאפְן יֶעדְן טָאג מִיט דִי נְשָׁמָה אִין דִי הַאנְט צוּ דִי אַרְבֶּעט, אֵיין טָאג אִיז זִי גֶעוֶוען הוּנְגֶערִיג אִינְמִיטְן דִי אַרְבֶּעט אִיז זִי אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ דֶערְנֶעבְּנְדִיגְן גֶעשֶׁעפְט זִיךְ קוֹיפְן עֶפֶּעס צוּ עֶסְן, עֶס אִיז גֶעקוּמֶען סוֹף וָואךְ אוּן דֶער מַאן הָאט גֶעזֶען וִוי עֶס פֶעלְט אַבִּיסְל גֶעלְט הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן אוֹיף אִיר: "וואוּ אִיז 'מַיין' גֶעלְט? דוּ עֶסְט מִיר אוֹיף 'מַיין' גֶעלְט!..." (- פַארְוָואס אִיז דָאס 'זַיין' גֶעלְט וֶוען 'זִי' לוֹיפְט אַרוֹיס אַרְבֶּעטְן?...) אוּן זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען הָאט עֶר אִיר גֶעזָאגְט: "דוּ וֵויינְסְט פַאר גָארְנִישְׁט, אִיךְ וֶועל דִיר פַארְקְלֶעבְּן דַיין מוֹיל, אִיךְ לֵייג דִיר אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ..." הָאט זִי מִיר גֶעשִׁיקְט אַ בְּרִיוו פְרֶעגְנְדִיג צִי זִי אִיז מְחוּיָב צוּ לֶעבְּן מִיט אַזַא מַאן, אַ חַיָה רָעָה, בִּיז זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶע'גֶט...

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיסְגֶעפִירְט:

דָאס אִיז דֶער חִילּוּק צְווִישְׁן אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶעבְּט מִיט אַ צַדִיק אוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶעבְּט אָן אַ צַדִיק, פוּן אִינְדְרוֹיסְן קֶען מֶען טַאקֶע גָארְנִישְׁט אָנְזֶען קַיין חִילּוּק, אָבֶּער לָאמִיר אַרַיין קוּקְן אִין זֵייעֶר לֶעבְּן וֶוען עֶפֶּעס פַּאסִירְט אֲפִילוּ אַ קְלֵיינִיקֵייט, וְוִי צוּם בֵּיישְׁפִּיל דִי לֶעקְטֶער הָאט גֶעקְרַאכְט, דִי בּוֹילֶער הָאט זִיךְ צֶעבְּרָאכְן וְכַדוֹמֶה, לָאמִיר גֵיין זִיךְ אוּנְטֶער הֶערְן וָואס טוּט זִיךְ אִין זֵייעֶרֶע שְׁטוּבֶּער, וֶועט מֶען זֶען אַזוֹי, דֶער וָואס אִיז מְקוּשָּׁר צוּ אַ צַדִיק בַּיי אִים אִיז וַוייטֶער פְרֵיילִיךְ, מֶען זִינְגְט 'אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער', 'אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער', אוּן בַּיי דֶעם וָואס לֶעבְּט נִישְׁט מִיט קַיין צַדִיק דָארְט אִיז יֶעדֶער שוּלְדִיג אוּן עֶס גֵייט אַרוֹיס קוֹלוֹת פוּן שְׁטוּבּ.

הָאט דֶער מֶלֶךְ גוֹזֵר גִיוֶוען אוֹיף יוּדִין אַז זֵיי זָאלִין מִתְפַּלֵל זַיין. הָאבִּין דִי יְהוּדִים גִיזוּכְט דֶעם צַדִיק (וָואס עֶר הָאט מִתְפַּלֵל גִיוֶוען אַז דֶער מֶלֶךְ זָאל הָאבְּן אַ זוּן כַּנַ"ל) אוּן זֵיי הָאבִּין אִים גִיבְּרַאכְט פַאר דֶעם מֶלֶךְ. אוּן דֶער צַדִיק פְלֶעגְט תָּמִיד מִתְפַּלֵל זַיין פַאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בַּאֲשֶׁר עֶר הָאט צוּ גִיזָאגְט דֶעם מֶלֶךְ אַז דֶער זוּן זָאל זַיין גָאר פוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת אוּן סֶע נִיט מְקוּיָּם גִיוָוארִין. אוּן עֶר הָאט גִיטַעֲנֶט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטִין הָאבּ אִיךְ דָאס גִיטָאן פוּן מַיין כָּבוֹד וֶועגְן. אִיךְ הָאבּ זִיךְ דָאס מֶער נִיט גִיטָאן נָאר פוּן דַיין כָּבוֹד וֶועגְן. אוּן הַיינְט אִיז נִיט מְקוּיָּם גִיוָוארְן אַזוֹי וְוִי אִיךְ הָאבּ גִיזָאגְט. אוּן דֶער צַדִיק אִיז גִיקוּמֶען צוּם מֶלֶךְ. הָאט דֶער צַדִיק מִתְפַּלֵל גִיוֶוען (דְהַיינוּ אוֹיף דִי קְרֶעץ פוּן דֶעם בֶּן מֶלֶךְ אַז עֶר זָאל גִיהֵיילְט וֶוערִין) אוּן סֶע הָאט נִיט גִיהָאלְפִין.

דָא זֶעט מֶען זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ, וֶוען אַ צַדִיק גֶעבְּט אַן הַבְטָחָה אָדֶער אַ בְּרָכָה דַארְף מֶען הָאבְּן סַבְלָנוּת אוֹיסְצוּוַארְטְן דִי יְשׁוּעָה אוּן נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי אֱמוּנָה, וְוִי מִיר זֶעעֶן אִין דִי מַעֲשֶׂה אַז דֶער צַדִיק הָאט צוּגֶעזָאגְט פַארְן קֶענִיג אַז עֶר וֶועט הָאבְּן אַ קִינְד וָואס וֶועט זַיין פוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת, אוּן וֶוען דֶער קֶענִיג גֶעהַאט אַ קִינְד אָבֶּער מֶען הָאט נִישְׁט גֶעזֶען אַז עֶר אִיז פוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת, פְלֶעגְט דֶער צַדִיק שְׁטֶענְדִיג דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר הָאט דָאךְ צוּגֶעזָאגְט פַארְן קֶענִיג אַז דֶער זוּן זָאל זַיין פוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת אוּן עֶס אִיז נִישְׁט מְקוּיָּם גֶעוָוארְן, עֶר הָאט גֶע'טַעֲנְה'ט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הָאבּ אִיךְ דָאס דֶען גֶעטוּן פַאר מַיין כָּבוֹד וֶועגְן? אִיךְ הָאבּ דָאס דָאךְ גֶעטוּן נָאר פַאר דַיין כָּבוֹד וֶועגְן, אוּן עֶס אִיז נָאכְאַלְץ נִישְׁט מְקוּיָּם גֶעוָוארְן"**, דֶערִיבֶּער דַארְף דֶער מֶענְטְשׁ הָאבְּן גֶעדוּלְד אוֹיסְצוּוַארְטְן דִי יְשׁוּעָה, אוּן גְלֵייבְּן אַז בִּיז דֶערְוַוייל בֶּעט דֶער צַדִיק וַוייטֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערוֹיף אוּן צוּם סוֹף וֶועט דָאס מְקוּיָּם וֶוערְן.

אַסַאךְ בָּחוּרִים פְרֶעגְן, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אִין יַבְנִיאֵל בַּיים צִיּוּן הַקָּדוֹשׁ פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען מִיט אַ שְׁטַארְקֶע הַבְטָחָה (צַוָּואַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת ה): "אִיךְ זָאג צוּ אַז יֶעדֶער בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס דַארְף אַ שִׁידוּךְ אוּן זֵיי וֶועלְן קוּמֶען דָא אוֹיף מַיין קֶבֶר אוּן דוּרְכְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים פוּן אָנְפַאנְג בִּיז'ן סוֹף פַאר מַיין זְכוּת, וֶועל אִיךְ טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ קֶען, אַז זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ. אוּן דָאס זָאג אִיךְ צוּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע צוּזָאג", אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה זֶענֶען זֵיי נָאכְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן - זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן וֶועט זִיכֶער מְקוּיָּם וֶוערְן, מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן סַבְלָנוּת אוֹיסְצוּוַוארְטְן דִי יְשׁוּעָה, בִּיז דֶערְוַוייל טַעֲנְה'ט דֶער צַדִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הָאבּ אִיךְ דָאס דֶען גֶעשְׁרִיבְּן פַאר מַיין כָּבוֹד וֶועגְן? הָאבּ אִיךְ דָאס דֶען גֶעהֵייסְן אוֹיפְשְׁרַייבְּן אוֹיף מַיין מַצֵּבָה פַאר מַיין כָּבוֹד וֶועגְן? אִיךְ הָאבּ דָאס דָאךְ גֶעטוּן נָאר פַאר דַיין כָּבוֹד וֶועגְן", בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן אַז אַלֶע וֶועלְן טְרֶעפְן זֵייעֶרֶע שִׁידוּכִים.

הָאט מֶען אִים מוֹדִיעַ גִיוֶוען אַז דָאס אִיז אַ כִּישׁוּף.

אוּן דֶער צַדִיק אִיז הֶעכֶער גִיוֶוען פוּן אַלֶע מְכַשְּׁפִים.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אַרוֹיס גֶעבְּרֶענְגְט וָואס מִיר זֶעעֶן דָא דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ צַדִיק אַז עֶר אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶע מְכַשְּׁפִים.

אִיז גִיקוּמֶען דֶער צַדִיק אוּן הָאט מוֹדִיעַ גִיוֶוען דֶעם מֶלֶךְ אַז דָאס אִיז אַ כִּישׁוּף. אוּן אַז מְהָאט דֶעם כִּישׁוּף אִין וַואסֶער אַרַיין גִיוָוארְפִין. קֶען דֶער בֶּן מֶלֶךְ אַנְדֶערְשׁ נִיט גִיהֵיילְט וֶוערִין. סַיידִין אַז מְזָאל אַרַיין וַוארְפִין דֶעם מְכַשֵּׁף וָואס עֶר הָאט גִיטָאן דֶעם כִּישׁוּף אִין וַואסֶער אַרַיין. הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיזָאגְט אִיךְ גִיבּ דִיר אַלֶע מְכַשְּׁפִים מְזָאל זֵיי אַרַיין וַוארְפִין אִין וַואסֶער אַרַיין. אַבִּי מַיין זוּן זָאל גִיהֵיילְט וֶוערִין. הָאט דִי בַּת מַלְכָּה מוֹרָא גִיהַאט אוּן אִיז גִילָאפִין צוּם וַואסֶער אַרוֹיס נֶעמֶען דֶעם כִּישׁוּף פוּן דֶעם וַואסֶער. וָוארִין זִי הָאט גִיוואוּסְט וואוּ דֶער כִּישׁוּף לִיגְט. אִיז זִי אַרַיין גִיפַאלִין אִין וַואסֶער אַרַיין. אִיז גִיוָוארִין אַ גְרוֹיס גִיפוּלְדֶער וָואס דִי בַּת מַלְכָּה אִיז אַרַיין גִיפַאלִין אִין וַואסֶער אַרַיין. אִיז גִיקוּמֶען דֶער צַדִיק אוּן הָאט גִיזָאגְט אַז דֶער בֶּן מֶלֶךְ וֶועט שוֹין גִיהֵיילְט וֶוערִין. אִיז עֶר שוֹין גִיהֵיילְט גִיוָוארִין אוּן דָאס צָרַעַת אִיז פַארְדַיירְט גִיוָוארְן אוּן סֶע אִיז אַרָאפּ גִיפַאלִין הָאט זִיךְ אָפְּגִישֵׁיילְט גָאר דִי הוֹיט.

אִיז עֶר גֶעוָוארְן גָאר פוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת. אוּן הָאט אִין זִיךְ גֶעהַאט אַלֶע סְגוּלוֹת פוּן אַלֶע אֲבָנִים טוֹבוֹת. (וָוארִין אַז דִי הוֹיט הָאט זִיךְ אִים אָפְּגֶעשַׁיילְט הָאט מֶען גֶעזֶעהְן אַז עֶר אִיז גָאר פוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת. אַזוֹי וִוי דֶער צַדִּיק הָאט גֶעזָאגְט).

זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר דַארְפְן אַרוֹיס נֶעמֶען חִיזּוּק פוּן דֶעם שְׁטִיקְל, אֲפִילוּ וֶוען מֶען גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועֶרֶע צַייטְן, רַחֲמָנָא לִיצְלָן, דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז אֵיין טָאג וֶועט פוּן אַלֶע קְרֶעצְ, פוּן אַלֶע צָרוֹת, וֶוערְן טֵייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער, עֶס וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּער דְרֵייעֶן צוּם גוּטְן. הַיינְט זֶענֶען לֵיידֶער דָא מֶענְטְשְׁן וָואס מוּטְשֶׁען זִיךְ מִיט קְרֶעצְ אוֹיף דִי הוֹיט, זֵיי הָאבְּן עֶקְזֶעמֶע, אַן אוֹיסְשְׁלָאג אוֹיף דִי הוֹיט, לֹא עָלֵינוּ, דַארְף מֶען וִויסְן דוּרְךְ דִי עֵצוֹת פוּן צַדִּיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, וֶועט וֶוערְן דֶערְפוּן טֵייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער, אַלֶעס וֶועט זִיךְ אוֹיסְהֵיילְן.

אִיךְ מֵיינְט 'קְרֶעצְ' - עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן; אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַ טֶעלֶעפָאוֹן, אַ טֶעבְּלֶעט וְכַדּוֹמֶה, וואוּ מֶען קֶען קוּקְן דֶערִין דִי עֶרְגְסְטֶע זַאכְן, אַלֶע שְׁמוּץ פוּן דִי וֶועלְט, אוּן זִיצְט אִין אַ בַּאהַאלְטֶענֶע פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער ווֵייסְט נִישְׁט וָואס עֶר קוּקְט, רַחֲמָנָא לִיצְלָן - דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ קְרֶעצִיגֶער מֶענְטְשׁ, זַיינֶע עֲבֵירוֹת - דָאס זֶענֶען דִי גְרֶעסְטֶע קְרֶעצְ וָואס אִיז נָאר דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, אָבֶּער אַז מֶען קוּמְט צוּם צַדִּיק, צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶוערְן פוּן אַלֶע קְרֶעצְ טֵייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער, דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אַ וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל וֶוערְן פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת זְכִיּוֹת.

דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז דִי עֵצָה פוּן 'הִתְבּוֹדְדוּת', דָאס הֵייסְט, מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, מֶען זָאל אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן - אַלֶע יְרִידוֹת, אַלֶע נְפִילוֹת אוּן אַלֶעס וָואס טוּט וֵויי פַאר'ן מֶענְטְשׁ, דוּרְךְ דֶעם גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען.

דָאס אִיז דָאךְ דִי גְרֶעסְטֶע גֶעשְׁמַאק וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען נָאר הָאבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט, אַז דֶער מֶענְטְשׁ ווֵייסְט אַז עֶר קֶען זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן זַיין גַאנְצֶע הַארְץ מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס וָואס טוּט אִים וֵויי, אַלֶעס וָואס בַּאדֶערְט אִים. דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע מֶעדֶעקֶעיִשַׁאן אוּן דִי בֶּעסְטֶע מֶעדֶעצִין וָואס מַאכְט רוּאִיג דֶעם מֶענְטְשׁ.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ק): "מִקָּטָן וְעַד גָּדוֹל אִי אֶפְשָׁר לִהְיוֹת אִישׁ כָּשֵׁר בֶּאֱמֶת, כִּי אִם עַל יְדֵי הִתְבּוֹדְדוּת", מֶען קֶען נִישְׁט זַיין קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַז מֶען מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת; זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: דֶער מְצִיאוּת וַוייזְט אַז נִישְׁט נָאר מֶען קֶען נִישְׁט זַיין קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַז מֶען מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, נָאר אֲפִילוּ אַז מֶענְטְשׁ זָאל זַיין פָּשׁוּט גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק קֶען אוֹיךְ נִישְׁט זַיין נָאר אוֹיב עֶר מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, ווַייל אָן הִתְבּוֹדְדוּת קֶען דָאךְ דֶער מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן מְשׁוּגָע וֶוערְן, גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן דֶעם רֶבִּי'ן, וָואס הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דֶעם מַתָּנָה פוּן 'הִתְבּוֹדְדוּת', וָואס דָאס קְלָארְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל וִויסְן וָואס עֶר הָאט צוּטוּן; אַ נֵס אַז מִיר הָאבְּן דִי מֶעדֶעצִין, אָן דֶעם מֶעדֶעצִין וָואלְטְן מִיר גֶעדַארְפְט נֶעמֶען אַנְדֶערֶע מֶעדֶעצִין וְכוּ' צוּ בַּארוּאִיגְן דֶעם מֹחַ.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט וַוייטֶער: אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה צוּ זַיין אִין שְׁטֶעטְל וואוּ אִיךְ קֶען שְׁפַּאצִירְן צְווִישְׁן דִי גְרָאז אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין שְׁטֶעטְל אִיז גְרִינְג צוּ פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת צְווִישְׁן דִי גְרָאז, וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַמָאל בִּשְׁעַת עֶר אִיז גֶעוֶוען אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קסג): אִם הָיִיתָ זוֹכֶה לִשְׁמֹעַ אֶת קוֹל הַשִּׁירוֹת וְהַתִּשְׁבָּחוֹת שֶׁל הָעֲשָׂבִים, אֵיךְ כָּל עֵשֶׂב וְעֵשֶׂב אוֹמֵר שִׁירָה לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּלִי פְּנִיָּה, וּבְלִי שׁוּם מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת, וְאֵינָם מְצַפִּים לְשׁוּם תַּשְׁלוּם גְּמוּל, כַּמָּה יָפֶה וְנָאֶה כְּשֶׁשּׁוֹמְעִין הַשִּׁירָה שֶׁלָּהֶם", וִוי גֶעשְׁמַאק אִיז צוּ גֵיין צְווִישְׁן דִי גְרָאז, צוּ הֶערְן וִוי זֵיי זִינְגֶען שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָן קֵיין שׁוּם שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, זֵיי וַוארְטְן נִישְׁט אוֹיף קֵיין שָׂכָר וְכַדּוֹמֶה, וִוי גוּט אִיז צוּ זַיין צְווִישְׁן זֵיי.

וֶוען אִיךְ בִּין אִין שְׁטָאט דַארְף אִיךְ זִיךְ אוֹיס'מָשְׁל'ן אַזוֹי וִוי אִיךְ בִּין אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ גֵיי יֶעדְן טָאג אַ וֶועג פוּן אַ מַייל צוּ דִי יְשִׁיבָה אוּן בַּיינַאכְט צוּרִיק אַהֵיים, פְּרוּבִּיר אִיךְ צוּ גֵיין אוֹיף אַ וֶועג וואוּ עֶס זֶענֶען דָא גְרָאז, בֵּיימֶער אוּן פֵייגְלֶעך, אָבֶּער דָא אִין שְׁטֶעטְל קֶען מֶען עֶס זֵייעֶר גְרִינְג מְקַיֵּים זַיין; יֶעדֶעס מָאל דוּ שְׁפַּאצִירְסְט אִין גַאס רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ נָאר אָפָּאר דִיבּוּרִים, אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט וָואס צוּ בֶּעטְן דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שֵׁיינֶע וֶועלְט וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן, זָאג: "יִשַׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דִי שֵׁיינֶע וֶועלְט וָואס דוּ הָאסְט בַּאשַׁאפְן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן אַז מִיר וֶועלְן פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּטְס, אָמֵן.

(סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ה', מִבֶּן מֶלֶךְ שֶׁהָיָה מֵאֲבָנִים טוֹבוֹת, חֵלֶק ב' פָארְגֶעלֶערְט שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אִינְדֶערְפְרִי, פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן, אִין שְׁטֶעטְל, 'קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי')